# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות....................**7:41**
מוצאי שבת קודש............**9:13**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..................דברי הימים-א כ"ה
בבלי...........................חולין ט'
ירושלמי..................בבא קמא ז'
תוספתא.................תענית ב'
רמב"ם.......................ברכות ו'


פרשת בהר בחקותי, כ"ב אייר, אבות פרק ה', שנת תשפ"ו לפ"ק
שנה 15, גליון 31 (750)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**וְכָשְׁלוּ אִישׁ בְּאָחִיו כְּמִפְּנֵי חֶרֶב וְרֹדֵף אָיִן, וְלֹא תִהְיֶה לָכֶם תְּקוּמָה לִפְנֵי אֹיְבֵיכֶם.** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ד) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים סט, כא) **"חֶרְפָּה שָׁבְרָה לִבִּי"** - דִי בּוּשׁוֹת אוּן בִּזְיוֹנוֹת צוּבְּרֶעכְן זֵייעֶר אַ מֶענְטְשׁ. אוּן דִי עֵצָה אִיז זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּ דִי נְקֻדָּה וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ אִים.

דִי עִיקָר בִּזְיוֹנוֹת הָאט אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, "יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער פוּן מִיר, יֶענֶער אִיז מֶער מַצְלִיחַ פוּן מִיר", מֶען הֵייבְּט אָן יֶענֶעם צוּ מְקַנֵּא זַיין, בִּיז מֶען רֶעדְט זִיךְ שׁוֹין אֵיין אַז יֶענֶער ווִיל אִים רוֹדְפְ'ן, אִין דִי צַייט וָואס יֶענֶער טְרַאכְט בִּכְלַל נִישְׁט פוּן דִיר. דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר קוּקְן אוֹיף זַיין נְקֻדָּה. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ נְקֻדָּה, אַ זַאךְ וָואס נָאר עֶר קֶען אוֹיסְפִירְן. אוּן יֶעדֶער דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן נָאר מִיט זַיין אֵייגֶענֶע נְקֻדָּה, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם. אוֹיבּ קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן הָאט מֶען נִישְׁט קַיין בִּזְיוֹנוֹת.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְכָשְׁלוּ אִישׁ בְּאָחִיו**, דֶער עִיקָר דוּרְכְפַאל פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, וֶוען עֶר קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. **כְּמִפְּנֵי חֶרֶב וְרֹדֵף אָיִן**, כְּאִילוּ יֶענֶער ווִיל דִיר רוֹדְפְ'ן, אִין דִי צַייט וָואס יֶענֶער קוּקְט אֲפִילוּ נִישְׁט צוּ דַיין זַייט. **וְלֹא תִהְיֶה לָכֶם תְּקוּמָה לִפְנֵי אֹיְבֵיכֶם**, דוּ וֶועסְט דִיר נִישְׁט קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, וַוייל קִנְאָה עֶסְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף צְוֵוייטְן עֶסְט מֶען זִיךְ מַמָּשׁ אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, מֶען וֶוערְט אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, אוּן בִּכְלַל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן דַאן וֶועט עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, בְּהַר-בְּחֻקּוֹתַי תשס"ז)

**וּבְכֹל אֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם גְּאֻלָּה תִּתְּנוּ לָאָרֶץ.** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אַז וואוּ אִידְן גֶעפִינֶען זִיךְ, אֲפִילוּ אִין חוּץ לָאָרֶץ, זֶענֶען זֵיי מְקַדֵּשׁ דִי פְּלַאץ אַזוֹי ווִי דִי קְדוּשָּׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וּבְכֹל אֶרֶץ**, אִין סֵיי וֶועלְכֶע לַאנְד, **אֲחֻזַּתְכֶם**, אִיז אֵייעֶר פְּלַאץ, דֶער פְּלַאץ וֶוערְט אוֹיךְ גֶעהֵיילִיגְט. **גְּאֻלָּה**, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן בְּקָרוֹב דוּרְךְ מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, **תִּתְּנוּ לָאָרֶץ**, דַאן וֶועט בֶּאֱמֶת אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן דִי רִיכְטִיגֶע קְדוּשָּׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּהַר ב')

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ

אוֹיסֶער דֶעם וָואס מֶען דַארְף צוּגְרֵייטְן דָאס הוֹיז אוּן מֶען דַארְף צוּגְרֵייטְן פֵיינֶע עֶסְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, דַארְף מֶען זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ צוּגְרֵייטְן צוּם שַׁבָּת. מֶען דַארְף זִיךְ צוּגְרֵייטְן מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד אַז מֶען זָאל קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דֶעם שַׁבָּת פְרֵיילִיכֶערְהֵייט אוּן רוּאִיגֶערְהֵייט, אוּן נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (גִיטִין נ"ב.) אִיבֶּער אַ גֶעוִויסֶע מִשְׁפָּחָה וָואס דֶער שָׂטָן הָאט זִיךְ אַרֵיינְגֶעזֶעצְט בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים אוּן יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת הָאט עֶר פְּרוּבִּירְט דָארְט אָנְצוּזֵייעֶן אַ מַחְלוֹקֶת, יֶעדְן פְרַייטָאג פְלֶעגְט מֶען זִיךְ קְרִיגְן דָארְט אִין הוֹיז. אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי מֵאִיר
<<<<<<

## א גוט ווארט

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חַבֵר, זֶע זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ זָאל דִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, וַוייל אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ חִיזוּק.

אוֹיךְ דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט אוּן זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אוֹיךְ זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט זֵייעֶר אַסַאךְ הִתְחַזְקוּת, אוּן נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען, אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן מח), אוֹיבּ וָואלְט אִים אֵיינֶער גֶעזָאגְט אַ גוּט וָוארְט אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, אֲפִילוּ נָאר דִי אֵיין וָוארְט 'בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ' - וָואלְט עֶס אִים זֵייעֶר גֶעהָאלְפְן; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מִיר קְלֵיינֶע מֶענְטְשְׁלֶעךְ, וָואס מִיר זֶענֶען צֶעבְּרָאכְן אוֹיף פִּיצְלֶעךְ פִּיצְלֶעךְ, וָואס נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט וָואס אוֹיף אוּנְז גֵייט אַרִיבֶּער - אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מִיר דַארְפְן זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ נִישְׁט נָאכְלָאזְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי תשפ"ו)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# בָּרוּךְ הַשֵּׁם
# אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ג אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעם אַרַיין אֱמוּנָה אִין דִיר, לֶעבּ מִיט אֱמוּנָה, חַזֶר אֱמוּנָה, חַזֶר זִיךְ אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס מַאכְט עֶר, אַלֶעס טוּט עֶר אוּן אַלֶעס אִיז עֶר אַלֵיינְס, אוּן אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר יִסוּרִים וְכוּ' - זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דָאס אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חוּלִין ז:): "אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה", אַ מֶענְטְשׁ צוּקְלֶעמְט זִיךְ נִישְׁט זַיין פִינְגֶער אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אוֹיסְרוּפְן אִין הִימְל פוּן פָארְאוֹיס אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צֶעקְלַאפְּן זַיין פִינְגֶער; אוּן אַזוֹי אוֹיךְ מִיט פַּרְנָסָה, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יוֹמָא לח.): "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךְ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךְ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמֶּה שֶׁמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ", קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּרִירְן צוּ אַ פְּרוּטָה וָואס אִיז אָנְגֶעגְרֵייט פַארְן חַבֶר, "וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּמַלְכוּת חֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא", אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן אַ צְוֵוייטְן; נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת נח.): "אֲפִילוּ רֵישׁ גַּרְגִיתָא מִן שְׁמַיָּא מַנוּ לֵיהּ", אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז מְמוּנָה צוּ אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי סוּעֶר, שְׁמוּצִיגֶע אַרְבֶּעט - אִיז אוֹיךְ פוּן הִימְל.

רֶעד מִיט מֶענְטְשְׁן דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, בַּיי יֶעדֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ מַזְכִּיר זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען, וָואס מֶען רֶעדְט זָאלְסְטוּ זָאגְן: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם", "גֶעלוֹיבְּט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", "אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם", "חַסְדֵי הַשֵּׁם", "כִּי טוֹב הַשֵּׁם"; דָאס וֶועט אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג): "עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲוֹנוֹתֶיךָ", דוּרְךְ אֱמוּנָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת.

בַּיים רֶבִּי'ן בַּאקוּמְט מֶען אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז אֱמוּנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, "וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אֱמוֹר תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

כח. תְּחִלַּת הַמַּחֲשָׁבָה עוֹזֶרֶת לָאָדָם לְאֶמְצַע וְסוֹף הַמַּעֲשֶׂה, שֶׁיִּמְשַׁךְ בִּקְדֻשָּׁה, וְאִם לֹא חָשַׁב בִּקְדֻשָּׁה בִּתְחִלָּה, אָז יֶאֱרַע תַּקָּלָה בְּאֶמְצַע וּבַסּוֹף. דִי גוּטֶע מַחֲשָׁבָה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט פוּן אָנְפַאנְג, דָאס הֶעלְפְט אַז דִי זַאךְ זָאל זִיךְ הַאלְטְן עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג אוֹיךְ אִינְמִיטְן אוּן בַּיים סוֹף, אוֹיבּ אָבֶּער הָאט מֶען נִישְׁט גֶעטְרַאכְט גוּט פוּן אָנְהוֹיבּ, וֶועט עֶס וֶוערְן גֶעשְׁטְרוֹיכְלְט אִינְמִיטְן אוּן בַּיים סוֹף.

כט. שֻׁלְחָן בְּהַכְנָסַת אוֹרְחִים מְכַפֶּרֶת. וֶוען מֶען טוּט הַכְנָסַת אוֹרְחִים בַּיים טִישׁ, פַארְצֵייעֶט עֶס אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת.

<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין, אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעבְּלִיבְּן פַאר דְרֵיי פְרַייטָאגְס, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען רֶבִּי מֵאִיר אִיז גֶעוֶוען בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים הָאט נִישְׁט גֶעפַּאסְט זִיךְ צוּ קְרִיגְן, אַזוֹי אִיז דוּרְךְ דִי דְרֵיי פְרַייטָאגְס בְּשָׁלוֹם אָן קַיין קְרִיגֶערֵיי, אוּן דַאן הָאט מֶען גֶעהֶערְט דֶעם קוֹל פוּנֶעם שָׂטָן וָואס זָאגְט: "וֵויי אִיז מִיר אַז רֶבִּי מֵאִיר הָאט מִיךְ אַרוֹיסְגֶעפִירְט פוּן דֶעם הוֹיז".

דֶער שָׂטָן הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דַוְקָא נָאר יֶענֶעם הוֹיז צוּ מַאכְן דָארְט מַחְלוֹקֶת יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת, נָאר עֶר מַאכְט זִיכֶער אַרוּמְצוּגֵיין אִין אַלֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער יֶעדְן פְרַייטָאג אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דָארְט אַן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט, מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, אוּן וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, אַזוֹי אַז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ זָאל זַיין בַּאבְּלָאזְן אוּן טְרוֹיעֶרִיג, אוּן אַזוֹי זָאל מֶען אַרַיינְקוּמֶען אִינֶעם שַׁבָּת מִיט כַּעַס אוּן מַחְלוֹקֶת, אוּן דֶער גַאנְצֶער שַׁבָּת זָאל שׁוֹין זַיין צֶעשְׁטֶערְט חַס וְשָׁלוֹם.

פַארְוָואס טוּט עֶר דָאס? פַארְוָואס גֵייט אַזוֹי אִין לֶעבְּן פַארְ'ן שָׂטָן אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ אִין אַ אִידִישׁ הוֹיז אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ? וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז וֶוער סְ'אִיז פְרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וֶועט אִים שׁוֹין גֵיין גוּט דִי גַאנְצֶע וָואךְ נָאכְדֶעם, עֶר וֶועט הָאבְּן אַן הַצְלָחָה'דִיגֶע וָואךְ סַיי בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת, עֶר וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, אוּן דָאס גוּט מַזָל וֶועט אִים נָאכְלוֹיפְן דִי גַאנְצֶע וָואךְ וואוּ עֶר וֶועט נָאר גֵיין אוּן וָואס עֶר וֶועט נָאר טוּן.

דֶער שָׂטָן פַארְגִינְט דָאס נִישְׁט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערִיבֶּער וֶועט עֶר זִיכֶער מַאכְן אַז דֶער פְרַייטָאג זָאל זַיין אָנְגֶעצוֹיגְן, אוּן אַזוֹי וֶועט שׁוֹין דֶער שַׁבָּת אוֹיךְ מִיטְגֵיין מִיט דִי קְרִיגֶערֵייעֶן אוּן כַּעַס, אוּן דַאן הָאט עֶר שׁוֹין אָפְּגֶע'שָׁחְטְ'ן דִי גַאנְצֶע וָואךְ פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵּין תִּקּוּנֵי זֹהַר, דַּף קכ"ה) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת ל"ה, ג') "לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת", דִי תּוֹרָה זָאגְט אוּנְז אָן אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט אָנְצִינְדֶען קַיין פֵייעֶר אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, לֵייגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר צוּ צוּ דֶעם נָאךְ אֵיין וָוארְט, "לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ, הַכַּעַס", זָאלְסְט נִישְׁט אָנְצִינְדֶען דָאס פֵייעֶר פוּן כַּעַס אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן פוּן כַּעַס אוּם שַׁבָּת נָאךְ מֶער וִוי מֶען הִיט זִיךְ פוּן פֵייעֶר, כַּעַס אוּם שַׁבָּת בְּרֶענְגְט אָרִימְקֵייט פַאר דִי גַאנְצֶע וָואךְ, דֶער מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט זַיין גוּטֶע מַזָל, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים פִילֶע לַיידְן אוּן צָרוֹת אוֹיף דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ.

עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג; אַ אִיד אַרְבֶּעט שְׁוֶוער דִי גַאנְצֶע וָואךְ, אוּן וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים אוּם פְרַייטָאג אוּן אִין שַׁבָּת, דַארְף עֶר אַבִּיסְל מְנוּחָה, אַבִּיסְל רוּאִיגְקֵייט, אוּן עֶר קֶען זִיךְ גְרִינְג אוֹיפְרֶעגְן אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט אַלֶעס אַזוֹי וִוי עֶר וִויל. וָואס טוּט אָבֶּער נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ פַאר פַּרְנָסָה, פַאר הַצְלָחָה, פַאר גֶעזוּנְט. וֶוען אַ אִיד זָאל גוּט וִויסְן אַז זַיין גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ וֶוענְדְט זִיךְ אִין זַיין שַׁבָּת, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ הַאלְטְן רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וֶועט זַיין גַאנְצֶע וָואךְ אִים גֵיין גוּט, וֶועט אִים דַאן זַיין גְרִינְגֶער זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן פוּן כַּעַס, זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיף גְרוֹיסֶע זַאכְן. אַדְרַבָּה עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער אִין שְׁטוּבּ, עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ, עֶר וֶועט מַאכְן פְרֵיילִיךְ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען דִי גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הַאלְט זִיךְ רוּאִיג אוּן וֶוערְט נִישְׁט אִין כַּעַס קַיין אֵיין טָאג נִישְׁט, אוּן זִיכֶער נִישְׁט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. וַוייל דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּנֶעם שַׁבָּת אִיז

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

וֶוען מֶען אִיז מְקַבֵּל דֶעם שַׁבָּת מִיט שִׂמְחָה, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְ'ן הֵיילִיגְן שַׁבָּת.

דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת קֶען אַ אִיד אוֹיסְנוּצְן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ בַּאטַעמְ'קֵייט אִין זַיין שְׁטוּבּ, עֶר קֶען אוֹיפְלֶעבְּן זַיין הוֹיז אוּן עֶס מַאכְן פַאר אַ גַן עֵדֶן, אוֹיבּ פִּירְט עֶר שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת.

בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ אִיז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוֶוענְלִיךְ פַּארְנוּמֶען, עֶר הָאט נִישְׁט צוּפִיל צַייט זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער. דוּרְכְאוֹיס דִי וָואךְ קוּמְט מֶען אַסַאךְ מָאל אַהֵיים גָאר שְׁפֶּעט, וֶוען דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן שׁוֹין, אַזוֹי אַז עֶס קוּמְט כִּמְעַט נִישְׁט אוֹיס צוּ רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצֶע וָואךְ.

אָבֶּער שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וֶוען מֶען זִיצְט בַּיים שַׁבָּת טִישׁ מִיט דִי קִינְדֶער, קֶען מֶען אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶער, אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ זָאגְן אוּן רֶעדְן מִיט זֵיי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, זֵיי דֶערְצֵיילְן סִפּוּרֵי צַדִיקִים, זִינְגֶען מִיט זֵיי דִי זְמִירוֹת שַׁבָּת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. עֶס אִיז מַמָשׁ אַ שָׁאד אַז דִי בִּיסְל צַייט פוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ וָואס מֶען הָאט מִיט דִי קִינְדֶער זָאל אַוֶועקְגֵיין מִיט רֶעדְן נַארִישְׁקֵייטְן. אָדֶער נָאךְ עֶרְגֶער, מִיט לָשׁוֹן הָרַע אוּן רְכִילוּת.

מֶענְטְשְׁן מַאכְן אַ טָעוּת מִיט דֶעם וָואס מֶען גְרֵייט זִיךְ אָן בְּלוֹיז דִבְרֵי תּוֹרָה צוּ זָאגְן בַּיים טִישׁ, קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט אַלֶעמָאל קַיין גֶעדוּלְד צוּ קַיין תּוֹרוֹת, זֵיי לֶערְנֶען שׁוֹין אַ גַאנְצֶע וָואךְ גֶענוּג אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע. בַּיים שַׁבָּת טִישׁ וִוילְן דִי קִינְדֶער הֶערְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, זִינְגֶען שֵׁיין צוּזַאמֶען, זֵיי וִוילְן אֵיינֶער זָאל זֵיי אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן וִוי אַזוֹי סְ'אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר וָואךְ, אוּן מִיט אַבִּיסְל סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד קֶען אַ טַאטֶע מְחַיֶה זַיין אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ חִיוּת אוּן לֶעבְּהַאפְט אִין דִי גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע, בְּלוֹיז מִיט דִי שַׁבָּת טִישְׁן.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף אַ גֶעוִויסֶער גָדוֹל בְּיִשְׂרָאֵל וָואס הָאט לֵיידֶער נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שָׁכֵן זֵייעֶר אַ פָּשׁוּטֶער אִיד וָואס הָאט יָא זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֶעלוּנְגֶענֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. הָאט דֶער גָדוֹל גֶעזָאגְט סוֹף יָמָיו, אַז אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד, פְלֶעגְט עֶר שְׁנֶעל עֶנְדִיגְן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת אוּן עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, וִוידֶערְאוּם דֶער שָׁכֵן אִיז גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, עֶר פְלֶעגְט מַאֲרִיךְ זַיין בַּיי דִי סְעוּדוֹת, עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי, אוּן דֶערִיבֶּער זֶענֶען זַיינֶע קִינְדֶער גֶעוֶוען אַזוֹי גֶערָאטְן, יֶעצְט הָאט עֶר חֲרָטָה פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט מֶער מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען בַּיי דִי סְעוּדוֹת אַזוֹי וִוי זַיין שָׁכֵן, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז וֶוען עֶר וָואלְט מֶער פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, וָואלְט עֶר מֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זֵיי.

קִינְדֶער דַארְפְן זֵייעֶר וִויכְטִיג הָאבְּן אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי, נָאר אַזוֹי קֶענֶען זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת. דֶערִיבֶּער, עֶלְטֶערְן וָואס זָארְגְן זִיךְ פַאר דִי וואוֹילְזַיין פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דַארְפְן זֶען כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ צוּ אוֹיסְנִיצְן דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט אוּן אַוֶועקְגֶעבְּן צַייט פַאר דִי קִינְדֶער. דָאס אִיז אַן אִינְוֶועסְטְמֶענְט וָואס בְּרֶענְגְט גָאר גְרוֹיסֶע רְוָחִים צוּ זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער. (קוּנְטְרֵס גוּט שַׁבָּת)

<<<<<< נייעס

צום דרוק קומען פאר די פיבערהאפטיגע הכנות צום גרויסן ערשטמאליגן הדלקה רבתי אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א אין שטעטל, מיט'ן אייבערשטנס הילף וועלן מיר קומענדיגע וואך קענען באריכן איבער דעם גרויסארטיגן מעמד.

מען קען הערן באריכטן פון שבתים מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, אויפ'ן טעלעפאן ליניע "קול ברסלב", ביי די אפטיילונג "שבתים". דרוקט 1 פאר אידיש, דערנאך 4 פאר שמועסן און אינטערוויוס, און דאן נומער 6 פאר "שבתים".

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# חִיזּוּק אוֹיף פָּשׁוּטֶע מִצְווֹת?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

עֶרְשְׁטְנְס וִויל אִיךְ זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער צוּ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי בֵּית פֵיגָא שִׁיעוּרִים, עֶס טוּישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

עֶס קוּמְט מִיר אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טוּן דִי פָּשׁוּטֶע מִצְווֹת, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, דַאוֶוענֶען, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אִיז דָא עֶפֶּעס אַן עֵצָה עֶס גְרִינְגֶער צוּ מַאכְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"א אִיָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

נֶעמְט זִיךְ פָאר וֶוען אִיר גֵייט שְׁלָאפְן זִיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, אוּן אִינְדֶערְפְרִי זָאלְט אִיר נִישְׁט אַרָאפְּטְרֶעטְן פוּן בֶּעט אָן אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער; אַז מֶען גִיסְט אָפּ נֶעגְל וַואסֶער גֵייעֶן אַוֶועק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן מַזִיקִים, דֶער מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט אַ שְׁמִירָה עֶלְיוֹנָה. אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען גִיסְט נִישְׁט אָפּ נֶעגְל וַואסֶער - אִיז מֶען אִין אַ סַכָּנָה, אַלֶעס וָואס מֶען כַאפְּט אָן וֶוערְט טָמֵא; אוּן דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶס אִיז אַייךְ אַזוֹי שְׁוֶוער דִי מִצְוָה פוּן נֶעגְל וַואסֶער, אִיז וַוייל נֶעגְל וַואסֶער אִיז אַזַא הֵיילִיגֶע זַאךְ אַז דִי קְלִיפּוֹת אוּן שֵׁדִים הָאבְּן זֵייעֶר מוֹרָא פוּן דֶעם, דֶערִיבֶּער מַאכְן זֵיי עֶס זָאל אוֹיסְקוּקְן שְׁוֶוער, זֵיי מַאכְן מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן גֶעדוּלְד, מֶען זָאל זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן דֶערְפוּן, מֶען זָאל גֵיין שְׁלָאפְן אָן נֶעגְל וַואסֶער אוּן אַרָאפְּגֵיין פוּן בֶּעט אָן זִיךְ אָפְּגִיסְן.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע יֶעדֶע נַאכְט אֵיידֶער אִיר גֵייט שְׁלָאפְן; קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִיטָה הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.), וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִיטָה - "מַזִיקִין בְּדֵילִין הֵימֶנּוּ", גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע מַזִיקִים פוּן אִים; נָאךְ זָאגְן זֵיי (שָׁם), דֶער וָואס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַארְן שְׁלָאפְן גֵיין: "כְּאִילוּ אוֹחֵז חֶרֶב שֶׁל שְׁתֵּי פִּיּוֹת בְּיָדוֹ", אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הַאלְט אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד וָואס הָאט צְוֵויי שַׁארְפְן, עֶר פַארְשְׁנַיידְט אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן מַזִיקִים, אוּן מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן.

וְעַל כּוּלָם זָאלְט אִיר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ אַז אִיר זָאלְט קֶענֶען טוּן מִצְווֹת, אוּן אִים שְׁטֶענְדִיג מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ; דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר**
**זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אֱמוֹר תשפ"ו)

## לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי'ן (רמז)

**תתז**

מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת, חַ"י תִּשְׁרֵי, אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעפָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. יֶענֶעם חוֹל הַמּוֹעֵד הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט רֶבִּי נָתָן אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין תּוֹרָה אוּן פוּן זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר. אִינְמִיטְן דִי שְׁמוּעֶס הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "וִוי הַאלְטְן מִיר בַּיים דַאוְוענֶען?", אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר עֶרְקְלֶערְט, "דִי גַאנְצֶע סֵדֶר פוּן דִי תּוֹרוֹת, גֵייט לוֹיט'ן סֵדֶר פוּנֶעם דַאוְוענֶען, דִי תּוֹרָה גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם שְׁטִיקְל פוּנֶעם סִידוּר, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע תּוֹרוֹת, אוּן יֶעצְט הַאלְטְן מִיר פַאר 'בָּרוּךְ שֶׁאָמַר' אוּן נָאךְ 'הוֹדוּ', וָואס לוֹיט'ן נוּסַח סְפָרַד זָאגְט מֶען הוֹדוּ בֶּעפָאר בָּרוּךְ שֶׁאָמַר". דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס וֶועט מִסְתָּמָא זַיין אֵיינֶער וָואס וֶועט קֶענֶען דַאוְוענֶען אַזוֹי, דָאס הֵייסְט אַז זַיין דַאוְוענֶען וֶועט זַיין מִיט דִי אַלֶע תּוֹרוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעלֵייגְט אַז עֶר וֶועט דַארְפְן שְׁטַארְק מַאֲרִיךְ יָמִים זַיין פַאר לַאנְגֶע יָארְן צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דָאס גַאנְצְן דַאוְוענֶען, דָאס הֵייסְט צוּ זָאגְן תּוֹרָה לוֹיט'ן סֵדֶר פוּנֶעם גַאנְצְן סִידוּר בִּיז צוּם סוֹף פוּנֶעם דַאוְוענֶען.

**תתח**

נָאךְ שִׂמְחַת תּוֹרָה אִיז רֶבִּי נָתָן אַהֵיימְגֶעפָארְן קַיין נֶעמִירוֹב.

**תתט**

**פְרַייטָאג, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וַיִּשְׁלַח, י"ג כִּסְלֵיו,** הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו צוּ זַיין טָאכְטֶער מָרַת שָׂרָה אוּן צוּ אִיר מַאן ר' יִצְחָק אַייזִיק.

אִינֶעם בְּרִיוו דְרוּקְט דֶער רֶבִּי אוֹיס זַיין פְרֵייד צוּ דִי פְרֵיילִיכֶע בְּשׂוֹרָה אִיבֶּער דִי גֶעבּוּרְט פוּן אַ מֵיידְל, אוּן שִׁיקְט זַיין בִּרְכַּת מַזָל טוֹב, מִיט אַ בְּרָכָה צוּ נָאךְ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, עוֹד יְנוּבוּן בְּשֵׂיבָה. דֶער רֶבִּי בֶּעט אַז מֶען זָאל אִים מוֹדִיעַ זַיין וָואס זֵיי מַאכְן, אוּן עֶר בֶּעט זֵייעֶר פוּן זַיין טָאכְטֶער אוּן אֵיידֶעם אַז זֵיי זָאלְן גָארְנִישְׁט דַאֲגָה'ן אוּן זָארְגְן, נָאר אַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ.

בַּיים סוֹף פוּנֶעם בְּרִיוו שְׁרַייבְּט דֶער רֶבִּי צוּ אַז עֶר ווִיל הֶערְן וָואס זַיין אֵיידֶעם לֶערְנְט, ווִיפִיל בְּלַאט גְמָרָא עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג, "וַוייל דָאס אִיז מַיין גַאנְצֶע ווִילְן, עֶר זָאל לֶערְנֶען פְלַייסִיג, דָאס אִיז מַיין גַאנְצֶע שְׁטְרֶעבְּן".

דֶער רֶבִּי שִׁיקְט אוֹיךְ גְרִיסְן צוּ זַיין אֵיינִיקְל יִשְׂרָאֵל, אוּן צוּם נַיי גֶעבּוֹירֶענֶע מֵיידֶעלֶע, אוּן צוּ אִיר שְׁוֶוער, דֶעם רֶבִּינְ'ס מְחוּתָּן, ר' אַרְיֵ' לֵייבּ אוּן זַיין וַוייבּ מִיט זֵייעֶר גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן בַּאזוּנְדֶער אַ גְרוּס צוּ זַיין בְּרוּדֶער ר' יְחִיאֵל.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# שיינער שבת קודש מיט'ן ראש ישיבה שליט"א אין ירושלים געגנט אין שטעטל

דעם שבת קודש פרשת אמור איז דער ראש ישיבה שליט"א געווען אויף שבת ביי זיין איידעם מו"ה נתנאל פארקאש שליט"א, און ער האט געדאווענט אלע תפלות אינעם בית המדרש אויף די ירושלים גאס אין קרית ברסלב ליבערטי.

פון אלע עקן פונעם שטעטל זענען אנשי שלומינו געקומען צו גיין צו מיטהאלטן דעם שבת מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, וואס האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין גאר א שיינער געשמאקע שבת קודש, און מען האט מיטגענומען פילע גוטע זאכן פון דעם שבת.

שבת אינדערפרי האט דער ראש ישיבה שליט"א געלערנט זוהר הקדוש אינדרויסן אונטער די ביימער, וואו מען האט ארומגערעדט פארשידענע שיינע ענינים, צווישן אנדערע האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט איבער די גרויסקייט פון לערנען זוהר הקדוש, בלויז דאס זאגן די ווערטער פון הייליגן זוהר איז באקאנט פון צדיקים אז דאס איז מקדש און מטהר און ברענגט דעם מענטש נענטער צום אייבערשטן.

נאכ'ן דאווענען איז פארגעקומען א ברית פונעם ניי געבוירן קינד ביי מו"ה חיים ישעי' דעפריס הי"ו, דערנאך ביים קידוש האט דער ראש ישיבה שליט"א ארומגערעדט איבער די וויכטיגקייט פון זיין פרייליך און אויפגעלייגט, דאנקען דעם אייבערשטן אויף אלע גוטע חסדים וואס ער טוט מיט אונז, די עיקר התבודדות דארף זיין צו דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן, א מענטש איז פול מיט אזויפיל גוטע זאכן וואס דער אייבערשטער געבט אים, און ער איז נאר פארנומען צו קרעכצן אויף וואס עס גייט אים נישט אזוי גוט, שוין צייט אויפצוהערן אזויפיל צו קרעכצן, מען דארף שוין אנהויבן דאנקען דעם אייבערשטן, און נאר אביסל צייט אוועקגעבן צו בעטן און זיך אויסרעדן אויף די זאכן וואס שטערט, דאס דאנקען דעם אייבערשטן געבט פרישע כוחות צו קענען אנגיין אין לעבן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט פונעם נאמען וואס מען האט געגעבן פאר'ן רך הנימול, "בנימין ביינוש", נאכ'ן חשובן עלטער זיידע מו"ה בנימין ביינוש לעזער ע"ה, דער טאטע פון יבלחט"א הגה"צ רבי יצחק לעזער שליט"א, דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט ווי ער געדענקט גוט דעם זיידן וואס איז אלץ געווען פריש און פרייליך, אלץ געווען גוטמוטיג, אייביג מיט א שמייכל אויפ'ן פנים, און דאס איז וואס מיר דארפן זיך אפלערנען. דער נאמען "ביינוש", זאגט זיך אויך ווי "ווייז נישט", וואס דאס איז ער געווען, נישט געוויינט און געקרעצט אויף זיינע שוועריקייטן, נאר שטענדיג געווען פול מיט שמחה און געדאנקט דעם אייבערשטן.

נאכמיטאג פאר מנחה האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט א בלאט גמרא, און שפעטער ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט איבער וואס עס שטייט אין זוהר הקדוש די וואכנדיגע פרשה, אז דער וואס איז א בעל מום איז א סימן אז ער איז שוואך אין אמונה, דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע פרעגט אויף דעם זייער שטארק אז מיר געפינען דאך פילע תנאים און אמוראים און גרויסע צדיקים וואס זענען געווען בעלי מומים, און זיי זענען זיכער געווען שטארק מיט אמונה, און דער ראש ישיבה שליט"א האט עס אויסגעטייטשט מיט די הקדמות פון הייליגן רבי'ן אז ווען א מענטש איז פארנומען מיט דעם אז ער איז א בעל מום, אז ער טויג נישט און ער קען נישט, אויף יעדע פון זיינע שוואכקייטן האט ער שוין א נאמען מיט א ראשי תיבות, אפגעסטעמפלט אז איז א בעל מום, דעמאלט איז א סימן אז ער איז נישט שטארק מיט אמונה, ווייל מיט א שטארקע אמונה קען מען ווערן אויסגעהיילט פון אלע פראבלעמען, מען קען זייער מצליח זיין אין לעבן, מען דארף זיך נאר האלטן מיט א שטארקע אמונה און בטחון אינעם אייבערשטן. דער רבי זאגט אז א מענטש זאל אלץ קוקן אויף די גוטע חלקים וואס ער האט, און ווי אויך קוקן אויף א צווייטן נאר אויף די גוטע נקודות פון יענעם, און מיט דעם קען מען באמת ווערן אינגאנצן גוט און ערליך.

נאך שבת איז דער ראש ישיבה שליט"א שוין געבליבן אין שטעטל אויף ל"ג בעומר. גייענדיג

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה משה האממער הי"ו מאנסי
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

## חינוך שיעורים

א רייכער אוצר פון שיעורים אויף חינוך, א שטארקע הילף פאר מלמדים און מחנכים, עצות און טיפס ווי אזוי זיך אפצוגעבן מיט די קינדער

קול ברסלב

212-444-9191

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

718-387-2691

און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >